בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת וירא תשפ"ו** **גליון 817 [שנה י"ז]**

**א ראיה אויף לחם משנה אין יו"ט**

וְאֶקְחָה פַת לֶחֶם וְסַעֲדוּ לִבְּכֶם: (יח ה) די מפרשים פרעגן אז פַּת מיינט א שטיקל ברויט, איז א פליאה אז אברהם דער מכניס אורח גיט נאר א שטיקל ברויט! אויך איז א סתירה ווייל דא שטייט וְאֶקְחָה פַת לֶחֶם, דאס מיינט א שטיקל ברויט, און ווייטער שטייט וַיֹּאמֶר מַהֲרִי שְׁלֹשׁ סְאִים קֶמַח סֹלֶת, וואס דאס איז אסאך מער ווי א שטיקל ברויט? אויך איז שווער פארוואס שטייט דער ווארט פַּת, ווען עס וואלט געקענט נאר שטיין וְאֶקְחָה לֶחֶם? נאר מען קען דאס פארענטפערן אז מען פסקענט אז אין יו"ט איז מען מחוייב אין לחם משנה, אזוי ווי מען איז מחוייב אין שבת, אבער אין שבת איז דאך די טעם ווייל די מָן איז נישט געפאלן אין שבת, נאר איז געפאלן ערב שבת דאפעלט, אבער ווי ווייסט מען אויף יו"ט א רמז אויף חיוב לחם משנה? נאר עס איז באוואוסט דער גמ' (סנהדרין ד ע"ב) **רבי עקיבא** לערנט ארויס אז מען דארף האבן 4 פרשיות אין די תפילין ווייל מען לערנט דאס ארויס פון דעם ווארט וְהָיוּ לְטֹטָפֹת אז טַט מיינט צוויי אין כַּתְפִּי, און פַּת מיינט צוויי אין אַפְרִיקָא, צוזאמען איז דאס פיר פרשיות, און אלע האלטן אז די מלאכים זענען געקומען אין יו"ט, ווייל עס שטייט **למועד**, און דאס איז געווען אדער **פסח** אדער **סוכות** אזוי שטייט אין תוס' (ר"ה דף יא). ממילא איז הפלא וואס אברהם האט געזאגט וְאֶקְחָה "פַּת" לֶחֶם, מיינט צוויי דהיינו לחם משנה, און דעריבער האט ער געזאגט מַהֲרִי שְׁלֹשׁ סְאִים קֶמַח סֹלֶת, ווייל מען דארף דריי מאל לחם משנה פאר די אורחים, איז דער רמז פון לחם משנה אין יו"ט פון אברהם. (איל המילואים הגאון ר' יהודה ארי' ליב קרא אב"ד גלונא) צו פארברייטערן דעם ענין: ווייל אין תוס' (ביצה דף ב' ע"ב) ד"ה והיה, איז דן אין דעם ענין צו עס איז געפאלן מן אין יו"ט אין מדבר, און תוס' ברענגט א מדרש (בראשית ב ג) וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ, בֵּרְכוֹ בַּמָּן, שֶׁכָּל יְמוֹת הַשָּׁבוּעַ הָיָה יוֹרֵד לָהֶם עֹמֶר לַגֻּלְגֹּלֶת, וּבַשִּׁשִּׁי לֶחֶם מִשְׁנֶה. וְקִדְּשׁוֹ בַּמָּן, שטייט אז נאר שבת איז נישט געווען מָן אבער יו"ט איז יא געווען מָן, אבער מאידך זענען דא מדרשים וואס האלטן אז די מָן איז נישט געפאלן אין יו"ט, קומט אויס אז די מדרשים קריגן זיך, אויב אזוי קען מען שוין מסביר זיין די מחלוקת הראשונים צו לחם משנה אין יו"ט איז מדאורייתא אדער נאר מדרבנן, ווייל די וואס האלטן אז עס איז מדאורייתא איז ווייל סיי יו'ט און סיי שבת איז געווען לחם משנה ערב שבת און ערב יו"ט, און די וואס האלטן עס איז נאר מדרבנן, איז ווייל עס איז געפאלן אין יו"ט די מָן. (שמח זבולון תשפ"ו)

**פארוואס איז אלעס דא געווען מיט זריזות?**

וַיְמַהֵר אַבְרָהָם הָאֹהֱלָה וגו' וַיֹּאמֶר מַהֲרִי שְׁלֹשׁ סְאִים קֶמַח סֹלֶת וגו' וְאֶל הַבָּקָר רָץ אַבְרָהָם וגו' וַיְמַהֵר לַעֲשׂוֹת אֹתוֹ: (יח ו–ז) עס איז א פלא אז עס שטייט דא אז אלעס איז געווען מיט זריזות, אזוי ווי עס שטייט: וַיְמַהֵר אַבְרָהָם, וַיֹּאמֶר מַהֲרִי, וְאֶל הַבָּקָר רָץ אַבְרָהָם, וַיְמַהֵר לַעֲשׂוֹת אֹתוֹ, און אויב די תורה וויל אונז לערנען אז ביי אברהם איז געווען זריזין מקדימין למצוות, איז שווער אז דאס לערנט מען שוין ארויס פון וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר(בראשית כב ג) גמ' (פסחים דף ד ע"א)? נאך א דיוק, עס שטייט וַיִּקַּח חֶמְאָה וְחָלָב, דרשענט מען ער האט זיי פריערט געברעגט חֶמְאָה וְחָלָב און נאכדעם וּבֶן הַבָּקָר און אנדערע זאכן ווייל וואס עס איז געקומען צו זיין האנט האט ער געברענגט, איז שווער פארוואס האט אברהם נישט געווארט ביז ער האט אלעס געהאט גרייט און דעמאלט ברענגען אויף איינמאל? נאר עס שטייט אין פסוק די מלאכים זענען געקומען כחום היום און אין מדרש שטייט אז דאס איז זעקס שעה אין טאג, און עס שטייט אין גמ' (שבת דף יא) אז מען טאר נישט עסן נאנט צום זמן פון מנחה גדולה וואס דאס איז זעקס מיט א האלב שעה, אבער אויב מען האט אנגעפאנגען, דארף מען נישט מפסיק זיין, דעריבער האט אברהם געטאן אלעס בזריזות כדי די סעודה זאל זיך אנפאנגען פארן זמן פון מנחה גדולה, וועלן די אורחים קענען אנפאנגען די סעודה און נאכדעם דאווענען, אבער אויב אברהם וואלט אלעס אנגעגרייט וואלט שוין געווען זמן פון מנחה גדולה און די אורחים וואלטן געדארפט דאווענען און זיי וואלטן געווען זייער הונגעריג, און אזו קענען זיי אפענדיגן זייער סעודה, דעריבער איז געווען די גאנצע ענין מיט זריזות. (איל המילואים הגאון ר' ארי' ליב קרא)

**פריערט זיך אפרוהען און נאכדעם עסן**

יֻקַּח־נָא מְעַט־מַיִם וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ: וְאֶקְחָה פַת־לֶחֶם וְסַעֲדוּ לִבְּכֶם אַחַר: (יח ד–ה) צו פארשטיין פארוואס האט אברהם זיי פריערט געזאגט וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ זיי זאלן זיך אפרוהען אונטער די בוים און ערשט נאכדעם וְאֶקְחָה פַּת לֶחֶם וועט ער זיי געבן עסן? נאר בפשטות ווען א מענטש קומט פון א ווייטע וועג איז ער מיד און ער וויל בעסער פריערט זיך אפרוהען און נאכדעם עסן, דעריבער וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ זיך אפרוהען און נאכדעם וְסַעֲדוּ לִבְּכֶם נאכדעם עסן, און דאס זעלבע טרעפן מיר ביי אֱלִישָׁע ווען ער איז געקומען צו שׁוּנֵם האט זי געזאגט נַעֲשֶׂה נָּא עֲלִיַּת קִיר קְטַנָּה וְנָשִׂים לוֹ שָׁם מִטָּה וְשֻׁלְחָן וְכִסֵּא וּמְנוֹרָה וְהָיָה בְּבֹאוֹ אֵלֵינוּ יָסוּר שָׁמָּה: זי האט געשטעלט פריערט א בעט זיך אפ צורוהען און נאכדעם א בענקל און א טיש צו עסן. (נחלת אברהם הר' אברהם הרצל) לכאורה וואלט מען געקענט מוסיף זין אז מען זעהט דעם היפך ביי עשו וואס שטייט וַיָּזֶד יַעֲקֹב נָזִיד וַיָּבֹא עֵשָׂו מִן הַשָּׂדֶה וְהוּא עָיֵף: יעקב האט געקאכט לינזן וַיֹּאמֶר עֵשָׂו אֶל יַעֲקֹב און עשו זאגט צו יעקב הַלְעִיטֵנִי נָא מִן הָאָדֹם הָאָדֹם הַזֶּה כִּי עָיֵף אָנֹכִי, גיב מיר צו עסן ווייל איך בין מיד, זעהט מען ביי עשו אז ער האט געוואלט עסן און נאכדעם גיין שלאפן, אבער ביי אברהם און אֱלִישָׁע איז די דרך ארץ פריערט אפרוהען פון וועג און נאכדעם גיבן צו עסן. (שמח זבולון תשפ"ו)

**ידיעות וועגן פריערדיגע ספרים און מחברים ספר "איל המלאים"** [פרק טו]


איל המלאים
אבני צדק

הכל תלוי במזל דער ספר "איל המלאים" איז נישט איבער געדרוקט, עס איז א גאר זעלטענע שיינע ספר חידושים אויף גאנץ תורה און הפטרות בדרך דרוש און אויך אויף גאנץ שיר השירים מחבר געווען הגאון עולם הרה"ג ר' אריה יהודה לייב קרא אב"ד גלוגא, לעסלא און קראטשין א זון פון הגאון רב חיים קרא אב"ד לונשיץ א זון פון הגאון רב יצחק זעליג אב"ד האנובער און אויך קאליש א בן אחר בן פון

הייליגן בית יוסף און א איידעם ביי הגאון רב יוסף הלוי איש הורוויץ אב"ד פרעמיסלא (נפ' ת"נ), דער ספר האט ארויסגעגעבן זיין אייניקל הגאון רב אברהם קרא א זון פון הגאון רב יוסף קרא, און האט מוסיף געווען א פירוש אבני צדק צום ספר איל המלאים שיינע דרושים אויף שיר השירים קראטשין שנת תר"ה, משפחת קרא איז דערמאנט באריכות אין ספר בית צדיקים דף קכ"ד געדרוקט אין פיעטרקוב תרס"ח דורך הגאון ר' צבי יחזקאל אב"ד פלונסק צוזאמען מיטן ספר נפלאות היהודי הק', וואס דאס איז א תולדות פון הרה"ק ר' מאיר מרגליות בעל מאיר נתיבים א תלמיד פון הייליגן בעש"ט, און ער שטאמט פון משפחת קרא.

## מדור העובדות

### ***ר' אשר אנשיל יונגרייז דער טשענגער רב בעל מנוחת אשר זצוק"ל ראטעוועט א שטוב און קערט א איד צו תשובה*****

אין שטאט טשענגער וואו דער הייליגער צדיק הר"ר אשר אנשיל יונגרייז זצוק"ל מחבר ספר מנוחת אש,ר איז געווען רב, האט זיך צוגעטשעפעט א איד א תלמיד חכם צו א קבוצה פון קָארטָן שפילערס, און מיט דער צייט איז זיין פרנסה געווארן שוואכער און זיין לערנען און דאווענען איז אינגאנצן אראפ, זיין ווייב האט געוויינט צו אים אבער עס האט נישט געהאלפן, זי האט געוואלט גיין צום טשענגער רב ער זאל איר העלפן, אבער זי האט זיך געשעמט דאס צו דערציילן, איינמאל ווען זי האט געוואוסט אז איר מאן האט מארגן יארצייט און ער וועט דארפן זיכער לערנען משניות אבער ער איז געווען פארנומען מיט זיינע קארטן! און זי האט אים מעורר געווען אז ער האט היינט יארצייט, האט ער געענטפערט אז ער וועט גיין אין שול אינדערפרי און דאווענען פארן עמוד און געבן תיקון.

די פרוי האט זיך שוין מער נישט געקענט איינהאלטן און זי איז שוין געגאנגען צום טשענגער רב און דערציילט וויינענדיג פארן רב אלעם וואס גייט פאר מיט איר מאן, און אויב דער רב וועט איר נישט קענען העלפן וויל זי א גט פון איר מאן, נאר היות אז ער האט היינט יארצייט וועט ער זיכער קומען אין שול, מוז דער רב אים פארעכטן! דער פנים פון רב האט אנגעהויבן צו פלאקערן און ער האט איר גארנישט געזאגט, נאר פון רוב דביקות האט דער רב אנגעהויבן ארום שפאצירין פון שטוב צום שול און פון שול צום שטוב, וואס דאס האט געווארפן א פחד אויף די פרוי!

דער רב ענטפערט "עס גייט נישט, עס גייט נישט, וואס ווילסטו פון מיר! באנאכט זאל איך מיטן שטן טשעפענען? גיי אהיים, מארגן אינדערפרי וועל איך בעסער קענען מיט אים א עצה געבן!" די פרוי האט זיך בארוהיגט און איז אהיים מיט פול האפענונג. אינדערפרי האט די פרוי מיט שווערקייט אים אויפגעוועקט צו גיין אין שול לכבוד דעם יארצייט, ער איז געווען זייער מיד און געזאגט ער קען נישט גיין צום ערשטן מנין אבער ער וועט אויפשטיין צום צווייטן מנין, ווען די פרוי האט אים אויפגעוועקט איז ער געגאנגען אין שול, דערווייל האט דער רב געווארט אויפן מאן און האט געזען אז ער קומט נישט צום ערשטן מנין האט ער געזאגט דעם גבאי אז היינט וועט ער ווארטן צו דאווענען מיטן צווייטן מנין.

ווי דער מאן קומט אריין אין שול גייט צו אים דער רב און גיט אים א ברייטן שלום עליכם און פרעגט "דו האסט היינט יארצייט וועסטו דאווענען פארן עמוד און געבן תיקון?" האט ער ענטפערט אז יא! און דער רב רופט אוים הויך "היינט האט דער איד יארצייט און עס וועט זיין איין גרויסער און גוטן תיקון!" דער עולם האט שוין גערעדט אז עפעס וועט דא זיין, ווייל דער רב האט קיינמאל נישט משנה געווען זיין צייט פון דאווענען מיטן ערשטן מנין, און דעם אויסרופן הויך אז איינער וועט געבן תיקון איז אויך נישט געווען דער שטייגער פון רב און דער עולם איז געבליבן אין שול זען וואס גייט זיך דא אויסקאכן!

דער איד גייט צום עמוד און דאווענט, אבער ביי די שמונה עשרה האט זיך דער רב פאר'דביקות און עס האט געדויערט זייער לאנג זיין שמונה עשרה, און דער חזן וואס איז געווען אויף ביז גאר שפעט יענעם נאכט און געווען מיעד, איז איינגעשלאפן ביים עמוד, דערווייל האט דער רב געענדיגט זיין שמונה עשרה, אבער דער חזן איז געווען אין א טיפע שלאף, און דער רב זאגט מען זאל אים נישט אויפוועקן, דער עולם איז שוין געווארן נייגעריג וואס דער רב פארפראוועט דא אין די עולמות! עס ווערט שטיל אין שול און פלוצלונג הויבט אן דער חזן צו רעדן אין שלאף טראכטנדיג אז ער שפילט יעצט מיט זיין חברים קָארטָן און רופט אוים א נאמען פון א קָארטָן וואס עס וועט יעצט געווינען! און פלוצלונג וועקט ער זיך אויף און זעט אז ער געפינט זיך אין שול און אלע קוקן אויף אים ווייל זיי האבן געהערט זיין שיינעם חלום, דאס האט געווירקט אויף אים און האט זיך געווארפן צו די פיס פון רב, און זאגט רבי "איך וויל תשובה טאן"! זאגט דער רבי "איך האב דאך געזאגט אז היינט וועט זיין איין גרויסער און גוטן תיקון"

דער רבי האט געהייסן צושיקן א אנדערן חזן און געהייסן דער איד גיין אין מקוה און נאכדעם זאל ער קומען צו אים מיט זיינע קָארטן, ווען ער איז געקומען אין שול האט דער רב געהייסן אז נאר ער זאל קומען מיט אים אין זיין חדר לעבן שול, און קיינער האט נישט קיין רשות מיט צוקומען, דער רב זעצט זיך מיט אים ביים טיש, דער איד איז א צובראכענער און וויינט פון תשובה און שרייט אויפן קול "רבי איך וועל עס שוין מער נישט טאן" דער געשריי האט געלעכערט די הערצער פון די וואס האבן דאס געהערט! נאכדעם האבן זיי געהערט ווי דער רב זאגט פארן איד זעהסט! דאס זענען די לייט מיט וועמען דו האסט געשפילט"! דערנאך האט דער רב אים געהייסן זאגן ווידוי מיט אים און נאכן ווידוי האט דער רב גענומען די קָארטָן און צושפרייט אויפן ערד און דער רב פרעגט דעם איד וואס ער זעהט? האט ער געענטפערט אז ער זעט מאדענע מענטשן טאנצן! האט דער רב געזאגט: די מענטשן וואס האבן געשפילט מיט דיר זענען פון די סיטרא אחרא, די שטן, וואס האבן דיר געוואלט אריינכאפן, יעצט זאלסטו מיר צוזאגן אז דו וועסט מער נישט גיין מיט זיי, און ער האט צוגעזאגט, און דער רב האט געשיקט רופן די פרוי דערציילן די גוטע נייעס, און עס איז געווארן שלום ושלוה צווישן זיי, און דער איד איז צוריק געווארן א ערליכער איד א בעל תשובה גמור.

(תולדות אנשי מופת - ח.י.ל. ברוין גרויסווארדיין תש"ד)

לטובת הכלל ברענגען מיר דא דעם הבטחה פון הייליגן ייטב לב וואס שרייבט אין זיין הסכמה צום ספר אז דער וואס וועט נאכזאגן עפעס פון דעם צדיק, "ימלא ה' משאלות לבבות" זיע"א

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

לאנגע בריוו פון הרה"ק ר' דוד צבי שלמה מלעלוב צו הרה"ק ר' חיים שמואל מחענטשין $10000 תהלים צפת תקצ"ג זייער זעלטן $25000 תיקון ליל שבועות זיטאמיר תרכ"ב מצב מפואר $2800 סעט שו"ע זיטאמיר חסר או"ח ח"ג $3000 טור אבהע"ז וחו"מ סלאוויטא $600 ירושלמי דפוס זיטאמיר מצב מפואר כריכת עור מעיר סאטמאר נייר לבן, $3500 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $6000 ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 מהר"ם שיק עם חתימת וחותמת הגאון ר' אליעזר צוקער מבערגסאז עם ב' הגהות ממנו $3000 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 18 גמרות זיטאמיר ריגאל עם הג' בבות יבמות גיטין ועוד רובם מצבים מצויינים $35000 נ"ך זיטאמיר ח"ג $400 נ"ך זיטאמיר ח"ד $400 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $8500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת עם הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 חיי אדם זיטאמיר $800 אדמור"י מלכות בית טשערנאביל $400 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר צדקת יוסף עם הקדשת הרבי מפיטסבורג הר"ר מרדכי זצ"ל $500 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעבנאוו To $3500, Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500

**receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *www.seforimworld.com.***

***WE sell old USA coins and supplies albums coin holders also silver coins for Pideon Haben***